# לב שומע

תמצית שיעורים אויף די פרשה

פון הרה"ג רבי **שמעיה לעוו** שליט"א

דומ"ץ דקהל יטב לב ד'סאטמאר

אידיש

**פרשת וילך - שובה**

לעילוי נשמת

הרה"ח מקים עולה של תורה

ר' ישעי' זאב בן הרה"ח ישראל ישכר זלה"ה

ראש הקהל דקהל יטב לב סאטמאר - לאנדאן

ניתן לשמוע השיעורים ב'קול הלשון'
020 81917000
[ex3,1.11.1]

'שגיאות מי יבין' - אי אפשר לבר בלא תבן
בבקשה, המוצא שגיאה כלשהוא יואיל להודיע
למו"ל למען יתוקן אי"ה

להערות והארות ולקבלת הגליון יש לשלוח לאימעל
levshomeya@gmail.com

סדר ועימוד: א. י. גרינוואלד 054-8494370 (972)

# תוכן הענינים

## עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה


שׁוּבָה יִשְׂרָאֵל עַד ה' אֱלֹקֶיךָ ........ ה

השי"ת גִיבְּט דֶער כֹּחַ צוּ תְּשׁוּבָה טוּן ........ ו

דִי וֶועג צוּרִיק ........ ז

דֶער בְּרִיאָה וָואס הֵייסְט 'תְּשׁוּבָה' ........ ט

# פָּרָשַׁת וַיֵּלֶךְ - שַׁבַּת שׁוּבָה

## עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה

☆ שׁוּבָה יִשְׂרָאֵל עַד ה' אֱלֹקֶיךָ ☆ השי"ת גִּיבְּט דֶער כֹּחַ צוּ תְּשׁוּבָה טוּן ☆ דִי וֶועג צוּרִיק ☆ דֶער בְּרִיאָה וָואס הֵייסְט 'תְּשׁוּבָה'

### שׁוּבָה יִשְׂרָאֵל עַד ה' אֱלֹקֶיךָ

**בֵּין** כֶּסֶא לְעָשׂוֹר – דִי טֶעג וָואס זֶענֶען סְפֶּעצְיֶעל גֶעוִוידְמֶעט צוּ תְּשׁוּבָה טוּן אוּן מְתַקֵּן זַיין דִי מַעֲשִׂים. טֶעג וָואס מִיר זֶענֶען נָאנְט צוּם רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם; טֶעג וָואס מֶען קֶען פַארְרֶעכְטְן אַלֶע מַעֲשִׂים פוּן דֶער גַאנְצֶע יָאר; טֶעג וָואס מֶען קֶען זִיך אוֹיס פּוֹעֵל'ן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע יָאר; טֶעג וָואס מֶען קֶען אֵיינְרֵייסְן אַז מֶען זָאל וֶוערְן פַארְשְׁרִיבְּן אִין דִי סְפָרִים שֶׁל צַדִּיקִים.

**דִי** גְּמָרָא (ראש השנה יח.) זָאגְט אוֹיף דִי טֶעג **אֵלּוּ עֲשָׂרָה יָמִים שֶׁבֵּין רֹאשׁ הַשָּׁנָה לְיוֹם הַכִּפּוּרִים** וָואס מֶען קֶען צוּרֵייסְן דִי גְּזַר דִּין אוּן דָאס אִיבֶּער דְרֵייעֶן צוּם גוּטְן, אוּן אַזוֹי פַּסְקְ'נְט דֶער רַמְבַּ"ם (תשובה פרק ב' הלכה ו) לַהֲלָכָה, **בַּעֲשָׂרָה יָמִים שֶׁבֵּין רֹאשׁ הַשָּׁנָה וְיוֹם הַכִּפּוּרִים** אוּן דִי טֶעג פוּן עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה **הִיא יָפָה בְּיוֹתֵר** זֶענֶען גָאר בַּאלִיבְּטֶע טֶעג **וּמִתְקַבֶּלֶת הִיא מִיָּד** אוּן וֶוען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה אוּן דִי טֶעג, וֶוערְט דִי תְּשׁוּבָה גְלֵייךְ אָנְגֶענוּמֶען **שֶׁנֶּאֱמַר** (ישעיה נה ו) **דִּרְשׁוּ ה' בְּהִמָּצְאוֹ קְרָאוּהוּ בִּהְיוֹתוֹ קָרוֹב.**

**דֶער** יַעֲרוֹת דְּבַשׁ (חלק א דרוש א) שְׁטֶעלְט אַוֶועק דִי טֶעג פוּן עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה – אַלְס הֵיילִיגֶע טֶעג אַזוֹי וִוי חוֹל הַמּוֹעֵד וָואס מֶען מֶעג נָאר טוּן וִוּיכְטִיגֶע מְלָאכוֹת - לְדָבָר הָאָבוּד, אַזוֹי אוֹיךְ זָאל מֶען אִין דִי טֶעג פוּן עשי"ת זִיךְ וָואס וֵוייניגֶער בַּאשֶׁעפְטִיגְן מִיט מְלָאכוֹת, וְוִיבַּאלְד דִי טֶעג זֶענֶען גֶעאֵייגְנְט בְּלוֹיז צוּ אַרֵיין טְרַאכְטְן אוּן מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ פוּן אַלֶעס וָואס הָאט זִיךְ אָפְּגֶעטוּן בְּמֶשֶׁךְ דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶע יָאר, אוּן וֶוערְן נָאנְטֶער צוּם בּוֹרֵא עוֹלָם דוּרְךְ תְּשׁוּבָה אוּן תִּקּוּן הַמַּעֲשִׂים.[א]

---

**א.** די סוחרים וואס האבן פארקויפט סכך פאר סוכות אין די שטאט טבריה, האבן איין יאר אפגעמאכט אלע אינאיינעם אז מען גייט הייבן די פרייז פון סכך. די איינוואוינער וואס זענען געוווען פארנומען בויען זייער סוכות, האבן נישט געקענט דערהייבן דער גזירה, עס איז געוווען אסאך צו טייער צו קענען קויפן סכך.

די ראשי הקהילה האבן זיך צאמ-גענומען, און נאכן איבערקלערן וואס מען קען טון צו אראפ

**השי״ת גִיבְּט דֶער כֹּחַ צוּ תְּשׁוּבָה טוּן**

**דִי** סְפָרִים עֶרְקְלֶערְן, פַארְוָואס זֶענֶען דִי טֶעג פוּן עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְשׁוּבָה מֶער גֶעאֵייגְנְט צוּ תְּשׁוּבָה טָאן, תְּשׁוּבָה אִיז דָאךְ אַ מִצְוָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז בַּאפוֹילְן אַז וֶוען אִימֶער מֶען טוּט אַן עֲבֵירָה, בְּרוֹיךְ מֶען גְלֵייךְ תְּשׁוּבָה טָאן. מִיר טְרֶעפְן אִין חֲזַ״ל (מדרש רבה דברים ב יב) **שַׁעֲרֵי תְּפִלָּה פְּעָמִים פְּתוּחִין פְּעָמִים נְעוּלִין** דִי טוֹיעֶרְן פוּן תְּפִלָּה, זֶענֶען אַמָאל אָפְן, אוּן צוּמָאל פַארְשְׁפַּארְט, עֶס אִיז פַארְהַאנֶען צֵייטְן וָואס דִי שַׁעֲרֵי תְּפִלָּה זֶענֶען אָפְן, אָבֶּער עֶס אִיז אוֹיךְ דָא צֵייטְן וָואס דִי טוֹיעֶרְן זֶענֶען פַארְמַאכְט, **אֲבָל שַׁעֲרֵי תְּשׁוּבָה לְעוֹלָם פְּתוּחִין** אָבֶּער דִי טוֹיעֶרְן פוּן תְּשׁוּבָה זֶענֶען אֵייבִּיג אָפְן, אַלֶעמָאל וֶוען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, גֵייט דֶער תְּשׁוּבָה גְלֵייךְ אַרוֹיף, אוּן דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז אַלֶעמָאל גְרֵייט צוּ אָנְנֶעמֶען דִי גֶעבֶּעט פוּן אֵיינֶער וָואס הָאט חֲרָטָה אוֹיף זֵיינֶע מַעֲשִׂים אוּן עֶר טוּט תְּשׁוּבָה. אוֹיבּ אַזוֹי דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין מִיט וָואס זֶענֶען דִי טֶעג מֶער סְפֶּעצְיֶעל פוּן אַ גַאנְץ יָאר?

**הרה״ק** ר׳ צָדוֹק הַכֹּהֵן מִלוּבְּלִין זי״ע (פרי צדיק פר׳ וילך – תשובה אות כא) גִיבְּט אוּנְז צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי גֶעוַואלְדִיגֶע מַעֲלֶה פוּן אָט דִי טֶעג מֶער וִוי אַ גַאנְץ יָאר אוּן פַארְוָואס עֶס פָאדֶערְט זִיךְ אִין דִי טֶעג צוּ תְּשׁוּבָה טוּן אוּן מְתַקֵּן זַיין אַלֶע מַעֲשִׂים.

**דִי** יֵצֶר הָרַע פַארְלֵייגְט זִיךְ גָאר שְׁטַארְק אַז מֶען זָאל נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן, אוּן אֲפִילוּ מֶען דַארְף אַ גַאנְץ יָאר תְּשׁוּבָה טוּן, אִיז אָבֶּער פָארְט זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ תְּשׁוּבָה טָאן רִיכְטִיג וִוי עֶס פַארְלַאנְגְט זִיךְ, אוּן מֶען דַארְף צוּ קוּמֶען צוּ אַן עֶקְסְטֶערֶע סִיַּיעְתָּא

נידערן די פרייז, האבן זיי מחליט געווען צו ארויף שטעלן א ׳חרם׳ אויף אלע פארקויפער, אז קיינער טאר נישט קויפן סכך פון די סוחרים, און אזוי וועלן די סוחרים זיך מוזן אונטער געבן און אראפ לאזן די פרייז פון די סכך.

אבער איידער זיי האבן געוואלט ארויס געבן די חרם, זענען די ראשי הקהילה געגאנגען צום רב פון שטאט הרה״ק רבי אברהם קאליסק זי״ע צו הערן זיין דעת תורה און מיינונג איבער דעם.

אבער צו זייער שטויענונג און וואונדער האט דער רב זיי געזאגט ״איר מיינט איך האב צייט אין עשרת ימי תשובה צו טראכטן פון אזעלכע זאכן?! ענק ווייסן דאך דער גרויסע לאסט וואס ליגט אויף מיר, אלס רב אין שטאט דארף איך זיך זארגן פאר אלע פאמיליעס אז זיי זאלן קענען האבן זייער געברויכן פאר יו״ט סוכות, און טראץ דעם וואס עס וואוינען דא אסאך ארימעלייט, אבער אפילו איך גיי גיין אין גאס און טרעפן א בינטל אנגעפילט מיט גאלדענע מטבעות, גיי איך זיך נישט מטריח זיין צו דאס אויפהייבן, ווייבאלד אין עשרת ימי תשובה איז יעדע מינוט טייער, און די צייט איז פיל מער טייערע ווי גאלדענע רענדלעך, מען דארף דאך זיין א גאנצע צייט פארנומען מיט תשובה און תיקון המעשים״.

אפילו אונז זענען נישט אין דער מדריגה, אונז זענען ליידער גאר ווייט פון אזעלכע סארט מחשבות, אבער דאך קענען מיר זיך לערנען דערפון ווי אזוי דער בליק דארף זיין אין די טעג...

דִשְׁמַיָא צוּ זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּם רִיכְטִיגְן וֶועג, אָבֶער אִין עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה אִיז דָא אַ בַּאזוּנְדֶערֶע כֹּחַ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעשָׁאנְקֶען אַז מִיר קֶענֶען בֶּעטְן אוּן מִתְפַּלֵל זַיין אַז מֶען זָאל קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן רִיכְטִיג. השי״ת הֶעלְפְט אוּנְז צוּ אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ יַעֲזוֹב רָשָׁע דַרְכּוֹ אָפְּלָאזְן דִי נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים אוּן תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף אַלֶע זִינְד וָואס מֶען הָאט זִיךְ אָנְגֶעזַאמְלְט בְּמֶשֶׁךְ דֶעם פַארְלָאפֶענֶע יָאר, אוּן קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן מִיטְן גַאנְצְן הַארְץ בֶּאֱמֶת.

**דָאס** - זָאגְט רַבִּי צָדוֹק זי״ע - אִיז דֶער חִידוּשׁ פוּן דִי טֶעג, קְרָאוּהוּ בִּהְיוֹתוֹ קָרוֹב, מֶען קֶען דַאוֶונֶען, בֶּעטְן דֶעם רבוש״ע אַז מְ'זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵמָה, אוּן יֶעצְט אִין דִי זְמַנִים וֶוען אַ אִיד בֶּעט הַשִׁיבֵנוּ ה' אֵלֶיךָ זֶענֶען דִי שַׁעֲרֵי תְּפִלָה בְּרֵייט אָפְן אוּן דִי רבוש״ע הֶעלְפְט דֶעם אִיד צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּ אִים.

**תְּשׁוּבָה** אוּן תְּפִלָה זֶענֶען גֶעבִּינְדֶען אֵיינְס מִיטְן אַנְדֶערֶע. אוּן אִיצְט וֶוען מֶען הָאט דֶער מַעֲלֶה פוּן בִּהְיוֹתוֹ קָרוֹב, אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְפְט אוּנְז צוּ קֶענֶען מִתְפַּלֵל זַיין אוּן זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה, דֶערְפַאר פַארְבְּרֶענְגְט מֶען גָאר אַסַאךְ צַייט אִין דִי עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה מִיט תְּפִלָה, מֶען זָאגְט מֶער סְלִיחוֹת, מֶען זָאגְט אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ.. בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ אָנְקוּמֶען צוּם שְׁפִּיץ, צוּ דֶעם הֵיילִיגְן טָאג יוֹם הַכִּפּוּרִים וָואס טוּט עֶנְדְגִילְטִיג מְכַפֵּר זַיין אוֹיף אַלֶע עֲבֵרוֹת אוּן עֶס טוּט אוֹיסְרֵיינִיגְן אוּן אוֹיסְוַואשְׁן דִי נְשָׁמָה, לְטַהֵר אֶתְכֶם לִפְנֵי ד' אֱלֹקֵיכֶם.

## דִי וֶועג צוּרִיק

**עֶס** שְׁטֵייט אִין דִי כְּתָבִים פוּן רַבִּי חַיִּים וִויטַאל זי״ע (שער רוח הקודש יחוד טו) אַז דִי פָּסוּק אִין יְשַׁעְיָה (מג טז) ״הַנּוֹתֵן בַּיָּם דָּרֶךְ וּבְמַיִם עַזִּים נְתִיבָה״ אִיז מְרַמֵז אוֹיף דִי זְמַנִים פוּן אֱלוּל אוּן דִי יָמִים נוֹרָאִים[ב]. עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף דֶעם אַ גֶעוַואלְדִיגֶע רֶמֶז מִיט אַ מָשָׁל, וָואס גֶעבְּט צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי מַהוּת אוּן דִי וֶועג פוּן תְּשׁוּבָה:

**וֶוען** אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אוֹיף דִי יַבָּשָׁה, לָאזְן זַיינֶע טְרִיט אִיבֶּער אָפְּדְרוּקְן, אוּן דִי אָפְּדְרוּקְן טוּעֶן פַארְגְרִינְגֶערְן פַאר אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן וָואס בַּאנוּצְן זִיךְ מִיט דִי אוֹיסְגֶעטְרֶעטֶענֶע וֶועג אָנְצוּקוּמֶען צוּ דֶעם זֶעלְבְּן פְּלַאץ וִוי דֶער עֶרְשְׁטֶער מֶענְטְשׁ אִיז אָנְגֶעקוּמֶען. סַיי וֵוייל דִי טְרִיט רֵייסְן אוֹיס וִוילְדֶע גֶעוואוּקְסְן וָואס שְׁטֶערְן דִי מֶענְטְשְׁן צוּ גֵיין, אוּן סַיי וֵוייל דִי אָפְּדְרוּקְן פוּן דִי טְרִיט טוּעֶן וֵוייזְן דֶעם וֶועג וואוּ אַהִין צוּ גֵיין. אוּן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס גֵייעֶן נָאךְ דֶעם אִין דֶעם זֶעלְבְּן וֶועג טְרֶעטְן נָאךְ מֶער אוֹיס דֶעם וֶועג, אוּן וִוי מֶער מֶענְטְשְׁן עֶס בַּאנוּצְן זִיךְ מִיט דֶעם וֶועג אַלְס גְרִינְגֶער וֶוערְט צוּ גֵיין דֶער וֶועג. אָבֶער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פָארְט מִיט אַ שִׁיף אִינֶעם יַם, וֶוערְט דִי יַם נִישְׁט אוֹיסְגֶעטְרֶעטְן דֶערְפוּן, אוּן עֶס וֶוערְט נִישְׁט גְרִינְגֶער פַאר קוּמֶענְדִיגֶע שִׁיף רֵייזְנְדֶע צוּ פָארְן אִינֶעם יַם. אַזוֹי וִוי אֵיינֶער פוּן דִי גְדוֹלִים הָאבְּן גֶעזָאגְט ״אַסַאךְ שִׁיפְן זֶענֶען

---

**ב.** אין ילקוט שמועני ישעיה רמז תנ״ה שטייט, אז די ווערטער 'הנותן בים דרך' גייט ארויף אויף די צייט צווישן שבועות און סוכות.

שוֹין גֶעפָארְן אוֹיף דִי וַואסֶער, אָבֶער קֵיינֶער הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעמַאכְט אַ וֶועג אִינֶעם וַואסֶער".

**דָאס** - זָאגְט דִי פָּסוּק - אִיז דִי חִילוּק צְווִישְׁן דִי מִצְוָה פוּן תְּשׁוּבָה אוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע מִצְוֹת פוּן דִי תּוֹרָה, בַּיי אַלֶע אַנְדֶערֶע מִצְוֹת וֶוערְט דֶער מֶענְטְשׁ אַרוֹיסְגֶעהָאלְפְן דוּרְךְ אַנְדֶערֶע אִידְן אַרוּם אִים וָואס זֶענֶען מְקַיֵּים דִי זֶעלְבֶּע מִצְוֹת אוּן עֶר קֶען זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען פוּן זֵיי וִוי אַזוֹי מְקַיֵּים צוּ זַיין דִי מִצְוֹת, אָבֶער וֶוען אַ אִיד טוּט תְּשׁוּבָה – כָאטְשׁ זֵייעֶר פִיל אִידְן הָאבְּן שׁוֹין תְּשׁוּבָה גֶעטוּעְן בְּמֶשֶׁךְ אַלֶע יָארְן – שְׁפִּירְט עֶר כְּאִילוּ עֶר אִיז אַלֵיין אוֹיפְן וַואסֶער, אוּן עֶר דַארְף אַלֵיין טְרֶעפְן דֶעם וֶועג וואו צוּ גֵיין, אוּן עֶר דַארְף אַלֵיין אִיבֶּערְקוּמֶען אַלֶע כְוַואלְיֶעס וָואס דְרָאעֶן אִים אַוֶועקְצוּשְׁלֶעפְּן פוּן אָנְצוּקוּמֶען צוּם צִיל. אוּן דָאס אִיז צוּלִיב דֶעם וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זִיךְ זַיין אֵייגְנַארְטִיגֶע וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען וִויל פוּן הִימְל אַז עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּעְן.

**אָבֶער** דֶער וָואס אִיז פֶּעסְט בַּיי זִיךְ, אַז עֶר וִויל בְּשׁוּם אוֹפֶן נִישְׁט בְּלֵייבְּן אִין זַיין שְׁלֶעכְטֶע וֶועג[ג], אוּן עֶר שְׁפְּרִינְגְט אַרֵיין אִין 'וַואסֶער', אוּן עֶר בֶּעט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַז עֶר זָאל אִים וֵוייזְן דֶעם וֶועג צוּרִיק, אוּן אַז עֶר זָאל אִים הֶעלְפְן אִיבֶּערְקוּמֶען אַלֶע כְוַואלְיֶעס אוּן שְׁטְרוֹיכְלוּנְגֶען וָואס מַאכְן זִיךְ, דַאן מַאכְט הַשֵּׁי"ת פַאר אִים אַ 'וֶועג אִינֶעם יַם' – אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע פָּסוּק "הַנּוֹתֵן בַּיָּם דָּרֶךְ – דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַ וֶועג אִינֶעם יַם", אוּן דֶער רבש"ע פִירְט אִים אוּן וַוייזְט אִים וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

**דִי** גְּמָרָא דֶערְצֵיילְט (סוטה לז.), אַז וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען בֵּיים יַם סוּף, פַאר דִי יַם אִיז גֶעשְׁפָּאלְטְן גֶעוָוארְן, הָאבְּן זִיךְ דִי שְׁבָטִים אַרוּמְגֶע'טַעֲנָה'ט, יֶעדֶע שֵׁבֶט הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶס קוּמְט זִיךְ פַאר זֵיי דִי זְכִיָּה אַרֵיינְצוּשְׁפְּרִינְגֶען אִין יַם צוּם עֶרְשְׁט. בִּיז דִי מֶענְטְשְׁן פוּן שֵׁבֶט בִּנְיָמִין זֶענֶען אַרֵיינְגֶעשְׁפְּרִינְגֶען אִינֶעם יַם, אָנְדֶעם וָואס דִי אַנְדֶערֶע שְׁבָטִים הָאבְּן מַסְכִּים גֶעוֶוען. אוּן אִין דֶעם זְכוּת הָאבְּן זֵיי זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז דִי קוֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים אִיז גֶעוֶוען אִין זֵייעֶר נַחֲלָה אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (דְּבָרִים לג יב) לְגַבֵּי שֵׁבֶט בִּנְיָמִין "וּבֵין כְּתֵפָיו שָׁכֵן" – דֶער אֵייבִּישְׁטֶער וֶועט רוּעֶן צְווִישְׁן זַיינֶע אַקְסְלֶען, דָאס מֵיינְט אוֹיף אַ הוֹיכֶע פְּלַאץ אִין דִי נַחֲלָה פוּן שֵׁבֶט בִּנְיָמִין.

**מִיר** קֶענֶען זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען פוּן שֵׁבֶט בִּנְיָמִין, אוּן אַרֵיינְשְׁפְּרִינְגֶען אִין דִי 'יַם פוּן תְּשׁוּבָה' אָן קֵיין חֶשְׁבּוֹנוֹת אִיבֶּער וִוי אַזוֹי

---

**ג.** צדיקים האבן אנגעוויזן אויפן פסוק (ישעיה נה ז) "יעזוב רשע דרכו – דער רשע זאל אפלאזן זיין וועג", אז עס שטייט נישט 'יעזוב רשע חטאיו – דער רשע זאל אפלאזן זיינע זינד', נאר זיין 'וועג'. דאס מיינט אז עס פארלאנגט זיך פונעם רשע אז ער זאל אפלאזן זיין פראסטע לעבנס שטייגער, ווייל אלע זיינע זינד זענען נאר א תוצאה פון זיין וועג פון לעבן. און ווען א איד קערט זיך אום צום באשעפער, און ער פאנגט זיך אהן צו פירן אין א וועג וואס ברענגט נאר גוטע זאכן, דאן איז ער זוכה אז "וישוב אל ה' וירחמהו" – דער אייבישטער האט רחמנות אויף אים און ער נעמט אים צוריק נאנט צום באשעפער און ער צורייסט אלע שלעכטע גזירות.

מִיר וֶועלְן זִיךְ קֶענֶען טוֹישְׁן, אוּן אָנְפַאנְגֶען צוּ דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער בִּשְׁלֵימוּת טְרָאץ דִי שְׁוֶוערֶע כְוַואלִיטֶעס דְהַיינוּ אוּנְזֶערֶע נִסְיוֹנוֹת. נָאר מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ אוּן אַ פֶעסְטֶע רָצוֹן[ד] זִיךְ צוּ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּ אוּנְזֶער טַאטֶע אִין הִימְל. אוּן דֶער בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיין וֶועט אוּנְז שׁוֹין שְׁפַּאלְטְן דֶעם יַם אוּן וַוייזְן דֶעם וֶועג וִוי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּקֶערְן צוּ אִים[ה]. אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין אַז דִי שְׁכִינָה הַקְדוֹשָׁה וֶועט רוּעֶן בַּיי אוּנְז, אַזוֹי וִוי זִי הָאט גֶערוּעֶט בַּיי שֵׁבֶט בִּנְיָמִין.

## דֶער בְּרִיאָה וָואס הֵייסְט 'תְּשׁוּבָה'

**אֵיינֶע** פוּן דִי זַאכְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן אֵיידֶער עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, אִיז תְּשׁוּבָה (פסחים נד.). דֶערִיבֶּער זָאגְט דֶער מַבִּי"ט (שער הַתְּשׁוּבָה פרק טו) וֶוען דֶער בַּאשֶׁעפֶער טוּט מִשְׁפָּטְ'ן זַיין פָאלְק אִין דִי טֶעג וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, טוּט השי"ת גֶעדֶענְקֶען דֶער גֶעוַואלְדִיגֶע מַתָּנָה וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן צוּ קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן, אוּן דֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעדֶענְקְט אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט קֶען נָאר שְׁטֵיין אוֹיבּ מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, דֶערְפַאר הֶעלְפְט עֶר אַרוֹיס זַיינֶע קִינְדֶער צוּ תְּשׁוּבָה טוּן אִין דִי טֶעג.

**מֶען** דַארף גוּט אוֹיסנוּצְן דִי גֶעצֵיילְטֶע טֶעג, אוּן אַרֵיין כַאפְּן דֶער גֶעלֶעגְנְהֵייט, אוּן זִיךְ אוּמקֶערְן בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה צוּם בַּאשֶׁעפֶער, חֲרָטָה הָאבְּן אוֹיף אַלֶע נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן. דֶער מְאִירִי (ראש השנה טז:) שְׁרֵייבְּט גָאר שַׁארְפֶער וֶוערְטֶער פַאר דִי וָואס טוּעֶן נִישְׁט תְּשׁוּבָה אִין דִי טֶעג: **וְהַמִּתְרַשֵּׁל בִּזְמַן הַזֶּה מִן הַתְּשׁוּבָה, אֵין לוֹ חֵלֶק בַּה' אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל**, דֶער וָואס אִיז פוֹיל אוּן עֶר טוּט נִישְׁט תְּשׁוּבָה אִין עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה, אִיז נִישְׁט קֵיין חֵלֶק פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל רח"ל.

**עֶס** אִיז בַּאקַאנְט דֶער מָשָׁל וָואס דֶער רַבֵּנוּ יוֹנָה[ו] (שערי תשובה שער א אות ב) שְׁרֵייבְּט

---

**ד.** עס שטייט אין תהלים (קלט טז) "יָמִים יֻצָּרוּ וְלוֹ אֶחָד בָּהֶם", אבער די כתיב פון דעם פסוק (די וועג וויאזוי עס איז געשריבן אין א ספר תהלים וואס מען שרייבט אויף פארמעט אזוי ווי א ספר תורה) איז "יָמִים יֻצָּרוּ **וְלֹא** אֶחָד בָּהֶם". צדיקים האבן געטייטשט דעם פסוק, אז עס זענען פארהאן פילע סארטן טעג און זמנים אין א מענטש'ס לעבן, אין געוויסע זמנים איז גרינגער צו דינען דעם באשעפער, און אין געוויסע זמנים שטויסט מען זיך אן אין שווערע נסיונות. אבער 'ולא אחד בהם' – ווען מען זאגט פארן יצר הרע איין גרויסע און פעסטע **ניין!** קען מען אים בייקומען אין אלע סארטן זמנים.

**ה.** דער טשערנאבילער מגיד זי"ע האט געטייטשט אויפן פסוק אין תהלים (נ כג) "וְשָׂם דֶּרֶךְ אַרְאֶנּוּ בְּיֵשַׁע אֱלֹקִים", **וְשָׂם דֶּרֶךְ** – דער וואס שטעלט אוועק זיין וועג אז ער וויל זיך דערנענטערן צום באשעפער, **אַרְאֶנּוּ בְּיֵשַׁע אֱלֹקִים** – ווייזט אים דער באשעפער אליין די וועג. (מובא בספר מגן דוד - להרה"ק ר' דוד מטאלנא זיע"א, פר' כי תצא).

**ו.** דער משנה ברורה (סימן תרג ס"ק ב) ברענגט אראפ פונעם רא"ש, אז אין די טעג פון עשרת ימי תשובה דארף מען לערנען דעם אגרת התשובה פון דער רבינו יונה.

צוּ אַ בַּאנְדֶע רוֹיבֶּער'ס וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען גֶעפַּאנְגֶען אִין תְּפִסָה, און זֵיי הָאבְּן אַלֶע צוּזַאמֶען אויסגֶעגְרָאבְּן אַ גְּרוּבּ און זֵיי זֶענֶען אַנְטְלָאפְן אוּנְטֶערעֶרְדִישׁ, אוֹיסֶער אֵיין רוֹיבֶּער וָואס אִיז וואוילערהייט גֶעבְּלִיבְּן אֵיינְזַאם אַלֵיין אִין תְּפִסָה, וֶוען דֶער אוֹיפְזֶעהֶער פוּן תְּפִסָה אִיז גֶעוואויר גֶעוָוארְן אַז אַלֶע זֶענֶען אַנְטְלָאפְן, הָאט עֶר גֶעשְׁלָאגְן דֶער וָואס אִיז גֶעבְּלִיבְּן אִין תְּפִסָה און עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט "שׁוֹטֶה וָואס דוּ בִּיסְט! דוּ הָאסְט דָא אַן אָפֶענֶע גְּרוּבּ וָואס דוּ קֶענְסְט זִיךְ אַרוֹיס רַאטֶעוֶוען, און דוּ בְּלֵייבְּסט דָא זִיצְן?!"

**אַ** גַאנְץ יָאר הָאט מֶען אַלֶע סָארְטְן תְּרוּצִים, אָבֶּער יֶעצְט וֶוען דֶער טֶעג זֶענֶען גֶעווידְמֶעט צוּ תְּשׁוּבָה טוּן, און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט און קוּקְט אַרוֹיס אַז אוּנְז זָאלְן זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּ אִים, דֶער גְּרוּבּ אִיז בְּרֵייט אָפְן, און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט אָן אוּנְזֶער תְּשׁוּבָה, דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען אויסְנוּצְן דֶער גֶעלֶעגְנְהֵייט און מַרְבֶּה זַיין בִּתְשׁוּבָה.

**דֶער** מָאוֹר וָשֶׁמֶשׁ (פרשת שׁוֹפְטִים ד"ה אמנם יראה) אִיז מַסְבִּיר דָאס וָואס שְׁטֵייט (תנחומא שופטים ה) **בִּזְמַן שֶׁיֵּשׁ דִּין לְמַטָּה, אֵין דִּין לְמַעְלָה** וֶוען עֶס אִיז דָא אַ "דִּין לְמַטָּה", מֶען אִיז זִיךְ אַלֵיין דָן מֶען קוּקְט אִיבֶּער דֶער מַעֲשִׂים אוּנְטְן דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, און מֶען מִשְׁפָּט זִיךְ אַלֵיינְס, מֶען טְרַאכְט אִיבֶּער וִוי אַזוֹי דֶער יָאר הָאט אוֹיסְגֶעזֶען, און מֶען נֶעמְט זִיךְ אוּנְטֶער זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן בֶּעסֶער און מֶען מַאכְט פְּרִישֶׁע גְּדָרִים און עֵצוֹת וִוי אַזוֹי מֶער נִישְׁט אַרֵיין פַאלְן אִינֶעם נֶעץ פוּנֶעם שָׂטָן, דֶעמָאלְטְס "אֵין דִּין לְמַעְלָה", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּקְט צוּ וִוי אוּנְז טוּעֶן תְּשׁוּבָה און אוּנְז פַארְבֶּעסֶערְן אוּנְזֶער מַעֲשִׂים, דֶעמָאלְטְס אִיז מֶען נִישְׁט דָן אוֹיבְן אִין הִימְל לְדִין, און השי"ת טוּט אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דֶער מִשְׁפָּט לְכַף זְכוּת, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן.[ז]

**ז.** עס איז געווען א עושר וואס האט געהאט א פוילער זון, דער זון האט געהאט גאר א שוואכע כשרון, צופיל שכל האט ער נישט פארמאגט. איין טאג רופט אים זיין טאטע דער עושר און ער בעט אים אז ער זאל נעמען דער לייכטער און גיין מיט דעם צום זילבערשמיד, ווייל דער עקן זענען איינגעבויגן און מען דארף דאס פארעכטן.

דער זון איז אהין געגאנגען און ער האט דאס איבערגעגעבן צום זילבערשמיד, דער זילבערשמיד האט דאס ארויף געלייגט אויף א בלעך און ער האט גענומען א האק און ער האט געקלאפט אויפן לייכטער ביז עס איז געווארן צופיצלט צו קליינע שטיקלעך, און ער האט דאס אריין געלייגט אין א גרויסע טאפ, און דערנאך האט ער געזאגט פאר דעם עושר'ס זון, "קום צוריק אין א וואך, און פארגעס נישט צו ברענגען הונדערט דאלער".

דער זון איז צוריק אהיים, און ער רופט זיך אן צו זיין טאטע "קענסט מיך פארלייען געלט? איך וויל עפענען א געשעפט, איך בין זיכער אז איך גיי מצליח זיין, און איך וועל דיך קענען

צוריק צאלן ביז א קורצע תקופה" דער טאטע האט זיך זייער געפריידט אז זיין פוילער זון איז גרייט צו ארבעטן און ער האט אים פארבאגט וויפיל ער האט געבעטן.

דער זון האט געדינגען א געשפעט מיט דער געלט וואס זיין טאטע האט אים פארבארגט, און ער האט ארויף געלייגט א טאוועלע "מיר פאררעכטן אלע ערליי צובראכענע זילבער כלים, מיר ספעליזירן זיך און אויסגראדן פארקרומטע זילבערנע כלים" ער האט זיך איינגעהאנדלט א טיש מיט עטליכע האמערס, און מעטנשען האבן געברענגט זייער צובראכענע כלים, איינער איז געקומען מיט א קרומער מנורה, א צווייטע מיט א צוקוועשטע בעכער, און די עולם האבן געשטראמט אין די מאסן, אלע האבן זיך פארגעשטעלט אז א זון פון א עושר האט זיכער שכל און ער וועט טון א גוטע ארבעט...

ער האט ארויף געלייגט די כלים אויף א בלעך און ער האט זיך גענומען האקן מיט זיין האמער אויף אלע זייטן ביז עס איז געווארן קליינע שטיקלעך, און ער האט יעדעם געזאגט "קום צוריק אין א וואך, און פארגעס נישט צו ברענגען געלט".

דער וואך איז פארביי, און מענטשען האבן זיך צוריק געקערט צום געשעפט צו אפנעמען זייערע כלים, דער געשעפטס-מאן האט צאמגענומען אלע צובראכענע שטיקלעך, ער האט דאס אריין געלייגט אין א זעקל און ער האט דאס צוריק געגעבן צום אייגנטומער, און פארלאנגט דאס געלט. אבער ווי נאר די מענטשען האבן געזען אז נישט נאר אז ער האט דאס נישט פאררעכטן, נאר ער האט דאס אינגאנצען קאליע געמאכט, האבן זיי זיך גענומען שרייען, "וואס גייט פאר? פארוואס האסטו דאס נישט פאררעכטן?" האט ער געזאגט "איך ווייס נישט, איך האב געטוען פינקטליך וואס מען דארף טון דערמיט, אפשרווארט צו נאך אביסל ביז דער בלעך וועט דאס צוריק מאכן גאנץ..."

נישט וויסנדיג צו לאכן אדער וויינען, זענען די אייגנטומער וואס האבן אריין געגעבן זייער כלים צום 'נייער זילבערשמיד' אריבער צו זיין פאטער דער גביר, און פארלאנגט אז ער זאל צאלן א נייע כלים.

דער טאטע האט גלייך גערופן זיין זון און אים געפרעגט "וואס האסטו געטון, פארוואס האסטו צובראכן די כלים אנשטאטס זיי פאררעכטן?", האט דער זון ערקלערט "אפילו דער גרויסע מומחה דער זליבערשמיד צו וועם דו האסט מיך געשיקט, טוט אויך אזוי. איך האב דאך אליינס געזען ווי ער צוהאקט דער גאנצע לייכטער וואס דו האסט געשיקט מיט מיך, און צום סוף ווען איך בין דאס געקומען אפנעמען איז דאס געווען גאנץ".

"דו האסט נאר געזען דער ערשטער חלק ווי ער צוברעכט עס, אבער נאכדעם האט ער א גאנצע וואך געארבעט דערויף, ביז עס איז געווארן צוריק גאנץ..." האט דער טאטע זיך געבייזערט אויף זיין זון.

דער נמשל איז, מיר קלאפן על חטא, און מיר צוברעכן אלע עבירות, מען ווארפט זיי אריין אין ים ביי תשליך, מען גיבט זיי צו די הינדלעך ביי כפרות, אבער דאס איז נאר דער ערשטער האלב פון דער עבודה פון תשובה, פון יעצט און ווייטער דארפן מיר זיך נעמען פאררעכטן אונזער מעשים אויסשפיצן און מאכן גראד אלע פארקרומטער פעללער'ס און מען דארף אנהייבן בויען פון פריש תורה ומצות.